Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française et la Forward Association

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנער

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

סיוון תשס״ג/יוני 2003

יאָר 8, נומער 5 (40)

## שאַגאַל אין פּאַריז

אַ דאַנק אַ נײַער אויסשטעלונג אינעם פּאַריזער מוזיי „גראַן־פּאַלע״[1] קען דער עולם[2] אַנטדעקן „שאַגאַל – דעם באַקאַנטן און אומבאַקאַנטן״.



מאַרק שאַגאַל

© droits réservés

„דער באַקאַנטער שאַגאַל״ איז דער מאָלער פֿון די גאָר באַרימטע אייל־בילדער[3] פֿון דעם ייִדישן שטעטל. מען דערקענט זײַנע לעבעדיקע און נישט היגע[4] קאָלירן און באַליבטע מאָטיוון : קי[5] און ציגן, קליינע הײַזעלעך, די גילדענע קופּאָלן פֿון די צערקוועס[6], ייִדישע חתונות[7], כּלי־זמרים[8], בעטלערס, פֿרומע ייִדן, בעל־עגלות[9], בילדער ווי אַרויס פֿון אַ חלום[10], דערמאָנונגען פֿון זײַנע קינדער־יאָרן אין וויטעבסק. מען זעט אויך די ראָמאַנטישע בילדער פֿון פֿאַרליבטע פּאָרלעך[11] וואָס שוועבן[12] אין דער לופֿטן, ווי מע דערקענט שאַגאַלן מיט זײַן יונגער פֿרוי בעלאַ (מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין 1915, נאָך זײַן צוריקקומען אין רוסלאַנד פֿון פּאַריז), סענטימענטאַלע שילדערונגען[13] פֿון פּאַריז, מענטשן מיט די קעפּ קאַפּויער[14] אָדער מיט צוויי פּנימער[15], פֿאַנטאַסטישע פֿיגורן האַלב מענטש, האַלב חיה[16].

דאָס וואָס איז ווייניקער באַקאַנט זײַנען די קלענערע ווערק – גואַשן, ליטאָגראַפֿיעס, אַקוואַרעלן, פּאַסטעלן און קאָלאַזשן – צו מאָל גאַנצע ציקלען – פֿון די ביבלישע סצענעס, בילדער פֿון צירק און אילוסטראַציעס צו די פֿאַבלען פֿון לאַ פֿאָנטען, אַ טעמע וואָס פּאַסט

[סוף זײַט 8]



1. Grand Palais «Chagall connu et inconnu»/«Chagall Known and Unknown» 2. OYLEM public 3. peintures à l'huile/oil paintings 4. irréels, venus d'ailleurs/from another world 5. vaches/cows ; *sing.* קו 6. églises orthodoxes/Orthodox churches 7. KHA'SENES mariages/weddings 8. KLEZMORIM musiciens/musicians 9. BALEGOLES cochers/wagon drivers 10. KHOLEM rêve/dream 11. couples 12. volent, planent/float 13. représentations/depictions 14. à l'envers/upside-down 15. PE'NEMER visages/faces ; *sing.* פּנים PONEM 16. KHAYE animal

## צווישן בילדער און לידער

אַ סך ייִדיש־סטודענטן קענען די לידער פֿונעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן פּאָעט ה. בנימין[1]. אַ סך קענען אויך די פּרעכטיקע[2] ייִדיש־ענגלישע אַנטאָלאָגיע *אַמעריקאַנער ייִדישע פּאָעזיע* אַרויסגעגעבן פֿונעם ישׂראלדיקן[3] פֿאָרשער און פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור־טעאָריע אין יעיל[4] אוניווערסיטעט, בנימין הרשבֿ[5] (צוזאַמען מיט זײַן ווײַב באַרבאַראַ הרשבֿ). נישט אַלע ווייסן אָבער אַז ה. בנימין און בנימין הרשבֿ זײַנען איינער און דער זעלביקער מענטש וואָס זײַן אמתער[6] נאָמען איז בנימין הרושאָווסקי. ער איז געבוירן געוואָרן אין ליטע אין 1929 און אין 1948 האָט ער זיך באַזעצט אין ישׂראל. צו 19 יאָר, נאָך זײַענדיק[7] אין אַ פּליטים־לאַגער[8] אין דײַטשלאַנד, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער *שטויבן*[9]. זײַן לעצטער באַנד לידער *טאַקע אויף טשיקאַוועס*[10] איז אַן אויסקלײַב פֿון זײַן גאַנץ ליטעראַריש שאַפֿן.

הרשבֿ איז ניט בלויז אַ ליטעראַטור־מבֿין[11], ער איז אויך אַ ספּעציאַליסט אויפֿן שאַפֿן פֿון מאַרק שאַגאַל. דער פּאַריזער עולם[12] ייִדיש־ליבהאָבערס האָט לעצטנס געהאַט די געלעגנהייט צו געניסן אי פֿון זײַנע לידער (פֿאָרגעלייענט און קאָמענטירט דורך דעם מחבר[13]) אי פֿון זײַן אַנאַליז פֿון שאַגאַלס בילדער. אין די ראַמען[14] פֿון דעם סעזאָן וועגן דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[15] אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער האָט ער געהאַלטן אַ רעפֿעראַט אויף דער טעמע „ייִדישע אַספּעקטן אין שאַגאַלס לעבן און שאַפֿן און זײַן ראָלע אינעם בראשית[16] פֿון דער סאָוועטיש־ייִדישער קולטור״. ער האָט געוויזן אַן אויסקלײַב דיאַפּאָזיטיוון און אונטערגעשטראָכן די שײַכותן[17] פֿון שאַגאַלס קינסטלערישע מאָטיוון מיט זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און מיטן ייִדישן פֿאָלקלאָר.

1. HEY BINYOMIN 2. magnifique/excellent 3. YISROELDIKN israélien/Israeli 4. Yale 5. BINYOMIN Harshav 6. EMESER vrai/real 7. pendant qu'il était encore/while he was still 8. PLEYTIM-... camp de réfugiés/refugee camp 9. *Poussières/Dust* Munich, 1948 10. *Juste par curiosité/Just out of curiosity*, Rowen, 1994 11. MEYVN expert 12. OYLEM public 13. MEKHABER auteur/author 14. dans le cadre/as part of 15. Union soviétique/Soviet Union 16. BREYSHES début/beginnings 17. SHAYKHESN rapports/relationships

# די וועלט־פּאָעזיע אויף מאַמע־לשון[1]

**צום צענטן יאָרצײַט פֿון דעם איבערזעצער און קריטיקער מרדכי ליטווין[2] (1906 - 1993) איז דערשינען דער דריטער באַנד פֿון זײַנע איבערזעצונגען אויף ייִדיש, *פֿון דער וועלט־פּאָעזיע*.**

מרדכי ליטווין איז געווען איינע פֿון די סאַמע[3] אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן פֿונעם ייִדישן קולטור־לעבן אין פּאַריז, ווו ער האָט געלעבט און געשאַפֿן פֿון 1944 ביז זײַן טויט. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט עטלעכע ייִדישע צײַטונגען און צײַטשריפֿטן, ווו ער האָט פּובליקירט עסייען, דער עיקר[4] וועגן ליטעראַטור, ווי אויך איבערזעצונגען פֿון פּאָעזיע. אין די צײַטן ווען דאָס איבערזעצן אויף ייִדיש איז געוואָרן אַ גאָר זעלטענע זאַך, האָט ער דווקא[5] אַרויסגעגעבן צוויי דיקע בענד איבערזעצונגען פֿראַנצייזישע פּאָעזיע – מיט אַ פּאַרטיפֿטן אַרײַנפֿיר וועגן די פּראָבלעמען פֿון דער ליטעראַרישער איבערזעצונג, קאָמענטאַרן און קריטישע באַמערקונגען.

מרדכי ליטווין (זײַן אמתער[6] נאָמען איז געווען באָיאַרסקי) האָט געשטאַמט פֿון ליטע. זײַן היים איז געווען אי ייִדישלעך אי אָפֿן צו דער וועלטלעכער[7] קולטור. די באָבע פֿון דער מאַמעס צד[8], וואָס האָט געשטאַמט פֿון דער באַרימטער רבנים־משפּחה[9] סאָלאָווייטשיק, האָט געקענט אויף אויסנווייניק[10] שילערס און הײַנעס לידער. ליטווינס סבֿיבֿה[11] איז אויך געווען אַ פֿילשפּראַכיקע : אין דער היים האָט מען גערעדט און געלייענט ייִדיש, העברעיִש, רוסיש און דײַטש.

אין 1923 איז ליטווין אַוועק אין בערלין, ווו ער האָט שטודירט אויפֿן אוניווערסיטעט און ווו ער איז געבליבן גאַנצע פֿופֿצן יאָר. ער איז געווען אײַנגעטונקען[12] אינעם ברויזנדיקן[13] בערלינער קולטור־לעבן. ער האָט אויך געקענט געניסן פֿונעם אויפֿבלי[14] פֿון דער ייִדישער קולטור : די הויפּטשטאָט פֿון דײַטשלאַנד איז אין די צוואַנציקער יאָרן געווען איינער פֿון די וויכטיקסטע צענטערס פֿונעם ייִדישן אינטעלעקטועלן און קינסטלערישן[15] לעבן. ווען היטלער איז



**מרדכי ליטווין**

געקומען צו דער מאַכט, איז ליטווין אַרײַנגעטראָטן[16] אין אַן אַנטי־נאַצישער ווידערשטאַנד־גרופּע. מע האָט אים אַרעסטירט און, אין 1935, פֿאַרמישפּט[17] אויף פֿופֿצן יאָר תּפֿיסה[18] אין אַן איינצלצעל[19]. נאָך דרײַ יאָר אָבער האָט מען אים באַפֿרײַט אַ דאַנק דער אינטערווענץ פֿון אָנגעזעענע[20] פּערזענלעכקייטן אין ליטע.

סוף[21] דרײַסיקער יאָרן איז ער געפֿאָרן אין פּאַריז, ווו ער האָט אָנגעהויבן זיך צו לערנען די פֿראַנצייזישע שפּראַך און ליטעראַטור. בשעת[22] דער מלחמה[23] האָט ער זיך אַ צײַט באַהאַלטן אין אַ דאָרף בײַ אַ גלח[24] און שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן[25] אין דער פֿראַנצייזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַן אמתער ליבהאָבער פֿון פּאָעזיע, האָט ליטווין דווקא אין די שווערע מלחמה־יאָרן אָנגעהויבן איבערצוזעצן אויף ייִדיש באָדלערס לידער פֿונעם ציקל *בלומען פֿון בייז*[26].

נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט אין פּאַריז, ווו ער איז געוואָרן מיטאַרבעטער פֿון דער קאָמוניסטישער טאָג־צײַטונג *נײַע פּרעסע* (ביז 1958) און דער רעדאַקטאָר פֿון *פּאַריזער צײַטשריפֿט*. אין 1968 און 1986 האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי אַנטאָלאָגיעס מיט איבערזעצונגען פֿון דער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע – צום מייסטן[27] פֿון באָדלער (זײַן באַליבטן[28] פּאָעט), אָבער אויך פֿון אַ פּאָר צענדליק אַנדערע פֿראַנצייזישע פּאָעטן, פֿון לויִז לאַבע[29] ביז זשאַק פּרעווער[30] און רעמאָן קענאָ[31]. אַ מאָל גיט ער אַ פּאָר ווערסיעס פֿונעם זעלביקן ליד.

ליטווין האָט אויך דורכגעפֿירט אַן אינטערעסאַנטע פֿאָרשאַרבעט[32] וועגן דער געשיכטע פֿון דער איבערזעצונג פֿון דער וועלט־ליטעראַטור אויף ייִדיש. דעם דריטן באַנד האָט ליטווין אַליין געהאַט צוגעגרייט נאָך בײַ זײַן לעבן, נאָר שוין ניט באַוויזן[33] אָנצושרײַבן קיין קאָמענטאַרן. אַחוץ[34] פֿראַנצייזישע פּאָעטן נעמט דער באַנד אַרײַן אויך רוסישע (ווי לערמאָנטאָוו, בלאָק, אַכמאַטאָוואַ, מאַנדעלשטאַם, בראָדסקי) און דײַטשישע (ווי געטהע, רילקע צי צעלאַן).

1. ...-LOSHN ייִדיש 2. MORDKHE Litvine 3. les plus/the very 4. DER IKER surtout/mainly 5. DAFKE justement/actually 6. E'MESER vrai/real 7. laïc/secular 8. TSAD côté/side 9. RABONIM-MISHPOKHE famille rabbinique/rabbinic family 10. par cœur/by heart 11. SVIVE milieu 12. immergé/immersed 13. bouillonnant/seething 14. épanouissement/blossoming 15. artistique/artistic 16. est entré/entered 17. FARMISHPET condamné/sentenced 18. TFISE prison 19. cellule d'isolement/solitary confinement 20. éminents/eminent 21. SOF à la fin de/at the end of 22. BESHA'S pendant/during 23. MILKHOME guerre/war 24. GALEKH curé/priest 25. rejoint/joined 26. *Les Fleurs du mal/Flowers of Evil* 27. pour la plupart/for the most part 28. préféré/favorite 29. Louise Labé (1524-1566) 30. Jacques Prévert (1900-1977) 31. Raymond Queneau (1903-1976) 32. travail de recherche/piece of research 33. n'a pas pu/was unable to 34. AKHU'TS outre/aside from.

# דרײַ איבערזעצונגען פֿון מרדכי ליטווין

*די צײַט פֿון די קאַרשן* איז אַ פֿראַנצייזיש ליד אָנגעשריבן אין 1866 דורך זשאַן־באַפּטיסט קלעמאַן, אַ באַוווּסטער פּאָעט און אַ סאָציאַליסט. די מוזיק איז פֿון אַ. רענאַר. דאָס ליד איז געוואָרן אַ באַליבט פֿאָלקסליד פֿאַרבונדן מיט דער פּאַריזער קאָמונע, דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון 1871.

## די צײַט פֿון די קאַרשן[1]

ווען מיר וועלן זינגען אין צײַט פֿון די קאַרשן
פֿון דראָסלס געלעכטער[2], פֿון נאַכטיגאַלס ליד[3]
אין יום־טובֿ[4] דעם גרינעם ;
די מיידלעך וועלן האָבן נאָר קושן אין זינען,
פֿאַרליבטע – די הערצער ווי זונען צעגליט[5].
ווען מיר וועלן זינגען אין צײַט פֿון די קאַרשן,
וועט העכער נאָך קלינגען דער נאַכטיגאַלס ליד.

נאָר קורץ, אוי ווי קורץ איז די צײַט פֿון די קאַרשן,
ווען קלײַבן מען גייט זאַלבעצווייט[6], ווי אין טרוים,
די אוירינגלעך בונטע[7],
די קאַרשן פֿון ליבע און פּורפּל באַזונטע[8],
וואָס הענגען ווי טראָפּנס פֿון בלוט פֿונעם בוים.
נאָר קורץ, אוי ווי קורץ איז די צײַט פֿון די קאַרשן,
וואָס קלײַבט מען אַזוי ווי קאָראַלן אין טרוים.

ווען קומען פֿאַר אײַך וועט די צײַט פֿון די קאַרשן,
אויב שרעקט אײַך דאַן אָפּ פֿון ליבע די פּײַן,
זאָלט פֿרויען איר מײַדן[9].
איך האָב ניט קיין מורא[10] פֿאַר ליבע און לײַדן,
אָן ליבע און לײַדן איך קאָן ניט מער זײַן.
ווען קומען פֿאַר אײַך וועט די צײַט פֿון די קאַרשן,
אויך איר וועט דערשפּירן פֿון ליבע די פּײַן.

ווי טײַער עס איז מיר די צײַט פֿון די קאַרשן,
כאָטש ס'בלוטיקט זינט דעמאָלט אין האַרצן אַ וווּנד,
אַ וווּנד וואָס איז אָפֿן.
נאָר וואָסער אויך[11] גליק זאָל מיך האָבן געטראָפֿן,
וועט קיין מאָל מײַן ווייטיק ניט ווערן פֿאַרשטומט.
און ליב איז מיר תּמיד[12] די צײַט פֿון די קאַרשן,
וואָס לעבט אין מײַן האַרצן גאַנץ טיף אויפֿן גרונט.

1. cerises/cherries 2. rire du merle/thrush's laughter 3. chant du rossignol/nightingale's song 4. YONTEV fête/holiday 5. incandescents/glowing 6. deux par deux/two by two 7. colorés/colorful 8. ensoleillés/sun drenched 9. éviter/keep away from 10. MOYRE peur/fear 11. quel que soit/whatever 12. TOMID toujours/always.




הילע פֿון דער פּאַרטיטור פֿון „די צײַט פֿון די קאַרשן“

## האַרבסטגעזאַנג[1]
## פֿון פּאָל ווערלען

מיט פֿידל־קלאַנג,
וואָס קלאָגט זיך לאַנג
און מאָנאָטאָנע,
דער האַרבסט, וואָס קומט,
וועקט אויף די וווּנד
אין מײַן נשמה[2].

עס ווערגט מיך[3] שווער,
איך וויין און הער
די שעהען[4] שלאָגן ;
און קלער[5] פֿון דעם,
וואָס איז געווען
און איז פֿאַרטראָגן[6].

און איך פֿאַרשווינד,
געיאָגט פֿון ווינט
און בייזן וועטער,
פֿון אָרט צו אָרט,
באַלד דאָ, באַלד דאָרט,
ווי טויטע בלעטער.

1. *Chanson d'automne* de/by Paul Verlaine (1844-1896) 2. NESHOME âme/soul 3. j'étouffe/I suffocate 4. SHOEN heures/hours 5. טראַכט 6. פֿאַרשווונדן.



* * *

## פֿון מאַרינאַ צוועטאַיעוואַ[1]

איך בין אַ בלאַט פּאַפּיר נאָר פֿאַר דײַן פּען.
אַ ווײַסע בלאַט. איך נעם אויף[2] אַלצדינג גערן[3].
דער היטער פֿון דײַן גאָב[4] – און צען מאָל צען
וועל איך פֿאַר דיר עס יערן[5] און פֿאַרמערן.

איך בין אַ דאָרף. די שוואַרצע ערד, וואָס גרין
דו לאָזסט עס ווערן דורך דײַן וואָלקן אויבן.
דו ביסט מײַן גאָט און האַר[6]. און איך, איך בין
דער שוואַרצער באָדן[7] און דער ווײַסער בויגן[8].

1. Marina Tsvetaïeva (1892-1941) 2. j'accepte/I accept 3. de plein gré/willingly 4. don/gift 5. *ici* augmenter/*here* increase 6. seigneur/lord 7. sol/earth 8. feuille (de papier)/sheet (of paper).

# טאַקע אַ פֿאַרגעניגן[1] !

**ס'איז לעצטנס אַרויס אין אָקספֿאָרד אַ נײַ בוך, וואָס וועט דערפֿרייען אַלע ייִדיש־סטודענטן, לערערס און סתּם[2] ליבהאָבערס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור**




ד אָס בוך, וואָס טראָגט דעם טיטל *מיט גרויס פֿאַרגעניגן : הונדערט יאָר ייִדישע ליטעראַטור*, איז אַן אַנטאָלאָגיע קורצע טעקסטן פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע מחברים[3]. ס'איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דורך העטהער וואַלענסיאַ[4], אַ ייִדיש־לערערקע פֿון שאָטלאַנד[5], אַ פֿאָרשערין[6] פֿון אַבֿרהם[7] סוצקעווערס ווערק און פֿון ייִדיש שאַפֿן אין לאָנדאָן. אינעם אַרײַנפֿיר צום בוך שרײַבט זי אַז זי האָט שוין לאַנג געפֿילט אַז עס פֿעלן[8] גוט צוגעגרייטע, מאָדערנע דידאַקטישע מאַטעריאַלן פֿאַרן ייִדיש־לימוד[9]. *מיט גרויס פֿאַרגעניגן* איז אַ געלונגענער[10] פּרוּוו[11] אויסצופֿילן דעם דאָזיקן בלויז[12]. אַלע טעקסטן זײַנען געדרוקט מיט ייִוואָ־אויסלייג[13] און אַנאָטירט. צו יעדן טעקסט איז דאָ אַ קורצער אַרײַנפֿיר אויף ענגליש. בײַם סוף[14] געפֿינט מען אַ ייִדיש־ענגלישן גלאָסאַר, בילדער און ביאָגראַפֿישע נאָטיצן פֿון די מחברים, ווי אויך אַ קאָמענטירטע ביבליאָגראַפֿיע פֿון אײַנקוקווערק[15] וואָס זײַנען ניצלעך פֿאַר יעדן ייִדיש־סטודענט. מע קען דאָרטן אויך געפֿינען אינטערנעץ־אַדרעסן פֿון אינסטיטוציעס וואָס האָבן אַ שײַכות[16] צו ייִדיש. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ : דאָס בוך ווערט פֿאַרקויפֿט צוזאַמען מיט אַכט קאָמפּאַקטלעך[17] ווו עס זענען אויפֿגענומען[18] געוואָרן כמעט[19] אַלע טעקסטן. זיי ווערן פּרעכטיק[20] פֿאָרגעלייענט דורך באַוווּסטע ייִדיש־קענער : חיהלע[21] ביר, הערשל גראַנט, בערי דייוויס און פּסח[22] פֿישמאַן. אַזוי אַרום קענען די תּלמידים[23] גלײַכצײַטיק לייענען די טעקסטן און זיך צוהערן צום גוטן אַרויסרעד[24] פֿון די ווערטער און צו אַ ריכטיקער זאַץ־אינטאָנאַציע. שוין אָפּגערעדט[25] פֿונעם פֿאַרגעניגן צו שפּאַצירן אויף די גאַסן אָדער פֿאָרן מיט אַן אויטאָבוס און בשעת־מעשׂה[26] צו הערן דערציילונגען און לידער פֿון ייִדישע שרײַבער !

און וואָס קען מען טאַקע הערן ? די אַנטאָלאָגיע נעמט אַרײַן 37 שאַפֿונגען, דאָס רובֿ[27] אין פּראָזע, פֿון שרײַבער און שרײַבערינס און דווקא ניט[28] בלויז פֿון די סאַמע[29] באַקאַנטסטע. לעבן די דרײַ קלאַסיקער און אַנדערע גאָר באַוווּסטע מחברים – ווי צום בײַשפּיל אַבֿרהם רייזען, איציק מאַנגער, יצחק[30] באַשעוויס, צי אַבֿרהם סוצקעווער – געפֿינען זיך דאָרטן אויך נעמען וואָס זײַנען ווייניקער באַקאַנט דעם ברייטן עולם[31], ווי הערש שישלער אָדער שמואל[32] האַרענדאָרף. פֿרויען פֿאַרנעמען אַ רעלאַטיוו גרויס אָרט, מיט גאַנצע פֿינף אויטאָרינס : בעלאַ שאַגאַל, קייטי בראַון, אסתּר[33] קרייטמאַן (די שוועסטער פֿון י. י. זינגער און יצחק באַשעוויס), פּועה[34] ראַקאָווסקי און לאה[35] ראָבינסאָן.

די צונויפֿשטעלערין[36] דערקלערט אַז די כּוונה[37] איז ניט געווען אַרויסצוגעבן אַ רעפּרעזענטאַטיווע אַנטאָלאָגיע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, נאָר צונויפֿצושטעלן אַ באַנײַערישן[38], עקלעקטישן אויסקלײַב[39] וואָס נעמט אַרײַן פֿאַרשיידענע סטילן און זשאַנערס און ווײַזט די פֿילזײַטיקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

1. vraiment un plaisir/really a pleasure 2. STAM tout simplement/just plain 3. MEKHABRIM auteurs/authors ; *sing.* מחבר MEKHABER 4. Heather Valencia 5. Ecosse/Scotland 6. chercheuse/researcher (*fem.*) 7. AVRO'M 8. manquent/are lacking 9. LIMED études/studies 10. réussi/successful 11. tentative/attempt 12. lacune/gap 13. orthographe standard du YIVO/YIVO spelling 14. ... SOF à la fin/at the end 15. ouvrages de référence/reference works 16. SHAYKHES rapport/relation 17. compact-disques/compact disks 18. enregistrés/recorded 19. KIMA'T presque/nearly 20. magnifiquement/beautifully 21. KHA'YELE 22. PEYSEKH 23. TALMIDIM étudiants/students 24. prononciation/pronunciation 25. sans parler/not to mention 26. BESHA'S-MAYSE en même temps/meanwhile 27. ... ROV la plupart/mostly 28. DAFKE ... pas forcément/not necessarily 29. les plus/the very 30. YITSKHOK 31. ... OYLEM grand public/general public 32. SHMUEL 33. ESTER 34. PUE 35. LEYE 36. éditrice/editor (*fem.*) 37. KAVONE intention 38. novateur/innovative 39. sélection.

# אייראָפּעיִשע רײַזעס

וואָרטשמועס פֿון שמעון נויבערג[1], טרירער[2]
אוניווערסיטעט (דײַטשלאַנד)

אַז מע גייט אַרויס פֿון ייִדיש־סעמינאַר אין דער מעדעם־ביבליאָטעק אין פּאַריז, און מע וויל צוריקפֿאָרן קיין מיזרח[3], מוז מען לויפֿן צו דער מיזרח־סטאַנציע[4]. באַלד גייט מען פֿאַרביי אַ קאַפֿע וואָס הייסט „דער וואָקסהאַל“[5].

אַז צווישן מיזרח־ און צפֿון־סטאַנציע[6] איז דאָ אַ „גאַס מיט צוויי סטאַנציעס“[7], דאָס איז ניט קיין חידוש[8]. אַז אַקעגן אַ פּאַריזער סטאַנציע שטייט אַ „האָטעל טערמינוס“ – דאָס פֿאַרשטייט מען. אָבער ווער האָט אַ קאַפֿע ביי אַ באַנסטאַנציע געגעבן אַזאַ פּאַסיקן נאָמען – וואָקזאַל[9] ? צי קען זײַן אַ פֿאַרבינדונג צווישן דעם ייִדישן וואָקזאַל (אַ באַנסטאַנציע) און דעם־אָ „וואָקסהאַל“ ?

אַז מע גייט אַרויס פֿון ייִדיש־סעמינאַר און מע לויפֿט צו דער מיזרח־סטאַנציע, חידושט[10] מען זיך וועגן דעם, מען האָט אָבער ניט קיין צײַט און ניט קיין ווערטערביכער צו דער האַנט, לייגט מען אָפּ[11] דאָס



נאָכקוקן, און אָפֿט מאָל פֿאַרגעסט מען וועגן דעם אין גאַנצן.

ערשט איצט ווער איך סוף־כּל־סוף[12] געוויר[13], אַז עס איז דאָ אַן אמתע[14] פֿאַרבינדונג : וואָקסהאַל איז הײַנט צו טאָג אַ טייל פֿון לאָנדאָן (אויפֿן דרום־ברעג[15] פֿון דער טעמזע[16]). אַ מאָל אָבער איז אין וואָקסהאַל געווען אַן עפֿנטלעכער[17] גאָרטן וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין 18טן און אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט. אויף אַזוי ווײַט[18] איז עס געווען באַליבט, אַז איבער גאַנץ אייראָפּע האָט מען לוסטגערטנער[19] (ווּ מע שפּילט מוזיק און מע פֿאַרווײַלט זיך) גערופֿן וואָקסהאַל – אויף פֿראַנצייזיש, אויף דײַטש, אויף רוסיש, אויף פּויליש און אַזוי ווײַטער... און יעדע גרעסערע שטאָט האָט געהאַט איר וואָקסהאַל.

ווי אָבער איז געוואָרן אויף רוסיש (און דערנאָך אויף ייִדיש) פֿון אַ לוסטגאָרטן אַ באַנסטאַנציע ? ווייסן מיר דאָך פֿון דער אייגענער דערפֿאַרונג, אָדער פֿון דער ליטעראַטור (צום בײַשפּיל, פֿון בערגעלסאָנס *אַרום וואָקזאַל*[20]), אַז פֿון אַ לוסטגאָרטן ביז אַ באַנסטאַנציע איז געוויינטלעך אַ ווײַטער וועג...

נו, דאָס רוסישע עטימאָלאָגישע ווערטערבוך זאָגט אונדז, אַז אין פּאַוולאָווסק איז אַנדערש : איינע פֿון די ערשטע באַליניעס האָט געפֿירט פֿון פּעטערבורג קיין פּאַוולאָווסק. און אין פּאַוולאָווסק האָט דאָס געבײַ[21] ווּ עס זענען פֿאָרגעקומען די קאָנצערטן פֿונעם אָרטיקן[22] „וואָקזאַל“ אויך געדינט ווי אַ באַנסטאַנציע. און פֿון פּאַוולאָווסק האָט זיך, ווײַזט אויס, פֿאַרשפּרייט דער נײַער באַטײַט פֿון וואָקזאַל איבער גאָר דער רוסישער אײַזנבאַן.

טאָ ווער האָט דעם־אָ קאַפֿע געגעבן אַזאַ פּאַסיקן נאָמען ? דאָס ווייס איך אַלץ ניט ! אָבער פֿונעם *היסטאָרישן ווערטערבוך פֿון פּאַריזער גאַסן*[23] קען מען זיך נאָך דערוויסן ווי עס הייסט הײַנט דאָס אַמאָליקע וואָקס־האַל־געסל[24], און ווּ עס איז געווען דער ווינטער־ און דער זומער־וואָקסהאַל[25] – צווישן אַנדערע גאָר נאָענט צו דער מעדעם־ביבליאָטעק[26].



### אַרום וואָקזאַל – וואָקאַבולאַר

| | |
|---|---|
| gare (ferroviaire)/train station | דער וואָקזאַ׳ל = די באַנסטאַנציע |
| chemin de fer/railway | די אײַזנבאַן |
| train | די באַן |
| rails | די רעלסן |
| quai/platform | דער פּעראָ׳ן |
| wagon/car (carriage) | דער וואַגאָ׳ן |
| wagon-lit/sleeping car | דער שלאָפֿוואַגאָ׳ן |
| compartiment/compartment | דער קופּע׳ (ען) |
| locomotive | דער לאָקאָמאָטי׳וו |
| mécanicien/engineer | דער מאַשיני׳סט |
| contrôleur/conductor | דער קאָנטראָליאָ׳ר |
| passager/passenger | דער פּאַסאַזשי׳ר |
| billet/ticket | דער בילע׳ט |
| billet aller-retour/return (round-trip) ticket | דער אַהי׳ן־צורי׳ק־בילע׳ט |
| réservation | די רעזערוואַציע |
| place assise/seat | דאָס זיצאָרט |
| aller, voyager/to go, to travel | פֿאָרן |
| changer (de train)/to change (trains) | איבערזעצן זיך |

### און אַ מאָל דאַרף מען אויך וויסן...

| | |
|---|---|
| grève/strike | דער שטרײַק |
| retard/delay | די פֿאַרשפּעטיקונג |
| objets perdus/lost-and-found | דער/דאָס אָפּזוך־ביוראָ |

1. Shimen Neuberg 2. de Trèves/of Trier 3. mizrekh Est/East 4. gare de l'Est/East Station 5. Le Vauxhall (65, rue du Faubourg-Saint-Martin) 6. tsofn-... gare du Nord/North Station 7. rue des Deux-Gares 8. ... khidesh pas étonnant/no wonder 9. gare/railway station 10. khidesht ... on s'étonne/one wonders 11. on remet (à plus tard)/one puts off 12. sofkl-so'f enfin/finally 13. j'apprends/I find out ; *inf.* געוויר ווערן 14. e'mese vrai/real 15. dorem ... rive sud /South bank 16. Tamise/Thames 17. public 18. à tel point/to such an extent 19. jardins d'agrément/pleasure gardens 20. nouvelle de Dovid Bergelson *Autour de la gare/By the Depot*, novella by Dovid Bergelson 21. bâtiment/building 22. local 23. J. Hillairet : *Dictionnaire historique des rues de Paris* 24. (Passage du Waux-hall) Rue de la douane 25. Wauxhall d'Hiver/d'Eté (48, rue René-Boulanger) 26. ! דער טעקסט איז געשריבן געוואָרן ווען די מעדעם־ביבליאָטעק איז נאָך געווען אויף 52 רי רענע־בולאַנזשע

פֿאָרווערטס

אַרטיקל דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג פֿאָרווערטס דעם 3טן יאַנואַר 2003

# די מאַציווער שיל[1]

**אין דער רובריק „לייענערס דערציילן“ האָט יעקבֿ[2] ביבער געשריבן אַ לאַנגע דערמאָנונג פֿון זײַנע קינדער־יאָרן אינעם שטעטל מאַציוו. מיר ברענגען דאָ אַ פֿראַגמענט.**

אינעם שטעטל מאַציוו, איז וואָלין[3], ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, איז געשטאַנען אַ פּרעכטיקע[4] שיל. ייִדן פֿון אַנדערע שטעט און שטעטלעך פֿלעגן קומען קיין מאַציוו בכדי[5] זי צו זען. די שיל, געמויערט פֿון ציגל[6], איז געווען ווײַס געפֿאַרבט פֿון אינעווייניק, מיט זייער הויכע און ברייטע פֿענסטער פֿון קאָלירט גלאָז.

די ייִדן אין מאַציוו, וואָס האָבן געציילט אַרום צוויי און אַ האַלבן טויזנט, האָבן אויך פֿאַרמאָגט דרײַ אַנדערע בתּי־תּפֿילה[7], וואָס זענען געשטאַנען נאָענט פֿון דער גרויסער שיל. ס'איז געווען אַ בית־המדרש[8], וואָס זײַנע טירן זענען קיין מאָל נישט געווען פֿאַרמאַכט. מענטשן זענען דאָרטן אַלע מאָל געווען. ישיבֿה־בחורים[9], גלאַט[10] תּורה[11]־לערנערס ; און אָרעמעלײַט וואָס פֿלעגן גיין פֿון שטאָט צו שטאָט האָבן דאָרטן געקענט איבערנעכטיקן אויף ברייטע און לאַנגע בענק. אויך צוויי „שטיבלעך[12]“ זענען אַלעמאָל פֿול געווען מיט דאַוונערס, חסידים[13], וואָס האָבן אָנגערופֿן די שטיבלעך מיט די נעמען פֿון זייערע רביים[14] : דאָס סטעפּעניער און דאָס טריסקער. אין די וואָכנטעג, אין דער פֿרי און צו מינחה־מעריבֿ[15], זענען די דרײַ בתּי־קודש[16] געווען פֿול. דאַקעגן[17] אין די וואָכנטעג זענען צופֿיל מנינים[18] אין דער גרויסער שיל ניט געווען. דערפֿאַר אָבער איז זי פֿול געווען אין שבתים[19] און ימים־טובֿים[20].

אינעווייניק אין דער זייער הויכער שיל, זענען די ווענט אויך געווען ווײַסע, נאָר דער סופֿיט[21], וואָס האָט זיך פֿאַרקײַלעכדיקט[22] אויפֿגעהויבן ווי דער הימל, איז געווען בלוי געפֿאַרבט. פֿונעם סופֿיט און פֿון די ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט סקולפּטורן פֿון מלאָכים[23] און פֿאַרשידענע חיות[24], בתוכם[25] אַן אָדלער[26] און אַ שלאַנג.

דער אָרון־קודש[27] פֿון דער שיל איז באַשטאַנען פֿון[28] אַ גרעסערער צאָל סקולפּטורן מיט „אַהרן[29]“ און „משה[30]“ מיט די „לוחות[31]“, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיק. אַזוי אויך די סימבאָלן פֿון די צוועלף שבֿטים[32].



די מאַציווער שיל

ווי אַ קינד פֿון פֿינף יאָר, ווען מײַן טאַטע פֿלעגט מיך מיטנעמען קאַיאָר[33] אין שיל אַרײַן, פֿלעגן די חיות מיך מאַכן ציטערן. כ'פֿלעג זיך שטאַרק צוהאַלטן פֿאַר מײַן טאַטנס קאַפּאָטע[34]. כ'האָב מורא געהאַט[35] פֿאַר די ווילדע חיות.

נאָר איין חיה האָב איך זייער ליב באַקומען. דאָס איז געווען אַ קלייניקער ווײַסינקער באַראַנטשיק[36] מיט אַ געדיכטער וואָלענער פֿעל, פֿאַרדרייטע האָרנס און זייער מילדע אויגן. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו מיר פֿון דער מיזרח־וואַנט[37], נאָענט פֿונעם אָרון־קודש. כאָטש כ'האָב מורא געהאַט פֿון די גרויסע ווילדע חיות, דאָך פֿלעג איך אויפֿשטיין זייער פֿרי, בכדי צו גיין מיטן טאַטן אין שיל אַרײַן, ווײַל כ'האָב ממש[38] ליב באַקומען דעם ווײַסן באַראַנטשיק.

[סוף זײַט 7]

1. synagogue de la bourgade de Matsiv/synagogue of the shtetl of Matsiv „שיל“ איז אַ וואַריאַנט פֿון „שול“ 2. YANKEV 3. Volhynie (Ukraine)/Volhynia (Ukraine) 4. magnifique/magnificent 5. BIKhDEY afin de/in order to 6. bâti en brique/built of brick 7. BOTE-TFILE lieux de prière/prayer houses 8. BESMEDRESh maison d'étude (et de prière)/house of study (and prayer) 9. YESHIVE-BO'KhERIM étudiants de yeshiva/yeshiva students 10. tout simplement/just plain 11. TOYRE Torah 12. petites maisons de prière/little prayer houses 13. KhSIDIM Juifs hassidiques/Hasidic Jews ; *sing.* חסיד KhOSID 14. RABEIM rabbis hassidiques/Hasidic rabbis ; *sing.* רבי REBE 15. MINKhE-MAYREV prières de l'après-midi et du soir/afternoon and evening prayers 16. BOTE-KOYDESh lieux de culte/places of worship 17. en revanche/however 18. … MINYONIM pas beaucoup de monde/not many people ; *sing.* מנין MINYEN quorum de 10 hommes, minimum requis pour l'office/quorum of 10 men required for services 19. ShABOSIM les shabbat/Sabbaths ; *sing.* שבת ShABES 20. YOMIM-TOYVIM fêtes/holidays ; *sing.* יום־טובֿ YONTEV 21. plafond/ceiling 22. arrondi, *ici* en voûte/rounded *here* vaulted 23. MALOKhIM anges/angels ; *sing.* מלאך MALEKh 24. KhAYES animaux/animals ; *sing.* חיה KhAYE 25. BESOYKhEM y compris/including 26. aigle/eagle 27. ORN-KOYDESh arche sainte/holy ark 28. était composé de/consisted of ; *inf.* באַשטיין 29. ARN Aaron 30. MOYShE Moïse/Moses 31. LUKhES les Tables de la Loi (avec les dix commandements)/tablets of the law (with the ten commandments) 32. ShVOTIM tribus/tribes ; *sing.* שבֿט ShEYVET 33. à l'aube/at dawn 34. cafetan/caftan 35. MOYRE … j'avais peur/I was afraid 36. agneau/lamb 37. MIZREKh-… mur oriental/eastern wall 38. MAMESh vraiment/truly

[סוף פֿון זײַט 6]

יעדן שבת און יעדן יום־טובֿ פֿלעג איך בעטן מײַן טאַטן, ער זאָל פֿאַר מיר אַהיימנעמען דעם באַראַנטשיק און יעדעס מאָל פֿלעגט מײַן טאַטע מיר צוזאָגן דאָס צו טאָן. נאָר „אום יום־טובֿ טאָר מען ניט“ און שבת – אַוודאי[39] ניט. ער פֿלעגט מיר פֿאַרזיכערן, אַז אין מיטן דער וואָך וועט ער דאָס טאָן פֿאַר מיר. מן־הסתּם[40] האָט ער געטראַכט, אַז ביז אין מיטן פֿון דער וואָך וועל איך דאָס פֿאַרגעסן. נאָר כ׳האָב ניט פֿאַרגעסן. דער באַראַנטשיק פֿלעגט זיך מיר חלומען[41]. איך בין דאָך געווען אין אַן עלטער ווען מ׳פֿאַרשטייט נאָך ניט דעם חלום[42], לעבעדיק צי ניט.

[...]

אונדזער שײנע שיל האָבן די דײַטשן גענוצט פֿאַר אַ שטאַל צו האַלטן דאָרט זייערע פֿערד. נאָר פֿופֿציק יאָר שפּעטער, ווען מיכאַיל גאָרבאַטשעוו האָט ליקווידירט דעם קאָמוניזם און אין 1992 האָבן די אוקראַיִנער צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע זיך דערקלערט פֿאַר אומאָפּהענגיק[43], האָבן זיי בײַ אונדז אין שטעטל גלײַך צענומען[44] די שיל, שטיין צו שטיין, און אַזוי אויך להבֿדיל[45] דעם פּוילישן קלויסטער.

[...]

אַפֿילו איצטער, ווען אַלץ האָט זיך געביטן און אַן אוקראַיִנישע פֿרוי לערנט דאָרטן אין דער שול די אוקראַיִנישע סטודענטן וועגן דעם חורבן[46], און זי מיט אירע סטודענטן היטן אָפּ דרײַ דענקמעלער[47] וואָס מאַציוווער לאַנדסלײַט פֿון ישׂראל, אַמעריקע און אַרגענטינע האָבן דאָרט אויפֿגעשטעלט אויף די מאַסן־קבֿרים[48] – שלאָג איך זיך נאָך אַלץ מיט דער דעה[49] וועגן קומען אַהינצו[50]. דאָס פֿונאַנדערנעמען[51] די שיל דורך די איצטיקע אוקראַיִנער האַלט מיך אָפּ פֿון באַזוכן מײַן היים־שטעטל.

[...]

דעם פֿערטן אָקטאָבער 2001 האָט מיר אָנגערופֿן אויפֿן טעלעפֿאָן אונדזער ייִנגסטער זון פֿון קאָנעטיקוט און מיט גרויס אויפֿגעהײַטערטקייט[52] מיר אָנגעזאָגט וועגן זײַן געפֿינס אויף אינטערנעט : „בילדער פֿון דײַן פֿאַמיליע אין מאַציוו און בילדער פֿון דער מאַציווער שיל“...

צומאָרגנס האָב איך באַקומען פֿון אים אַכצן פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון דער שיל מיט פֿיל מאַציווער ייִדן וואָס כ׳האָב געקענט. צווישן זיי אַ בילד פֿון מײַן זיידן (מײַן טאַטנס טאַטע) און אַ בילד פֿון מײַן עלטער־שווער[53] (זכרונם לבֿרכה[54]) – דער רבֿ[55] פֿאַר פֿופֿציק יאָר[56] אין מאַציוו.

מערסטנס פֿון די בילדער זענען גענומען געוואָרן נעבן דער שיל אינעם יאָר 1924. איך בין דעמאָלט אַלט געווען נײַן יאָר און כ׳געדענק דעם גרויסן יום־טובֿ אין שטעטל, ווען פֿון אַמעריקע איז געקומען אונדזערס אַ קוזין, פּסח[57] איז געווען זײַן נאָמען, און ס׳גאַנצע שטעטל האָט געקאָכט[58] מיט אים. [...]

אַ זייער פֿאַראינטערעסירטער, האָט אונדזער ייִנגסטער זון אויסגעפֿונען ווער ס׳האָט די בילדער פֿאָרגעשטעלט צום אינטערנעט. דאָס איז געווען אַ יונגע פֿרוי פֿון פֿילאַדעלפֿיע, אַן אייניקל פֿון מײַן קוזין פּסח, וואָס האָט גענומען די בילדער.

די געשיכטע פֿון אונדזער פּרעכטיקער שיל האָט זי ניט געוווּסט. זי האָט באַקומען די בילדער בירושה[59], ווען מײַן קוזין פּסח, איר זיידע, איז געשטאָרבן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. בכדי צו וויסן מער וועגן די בילדער האָט זי געזוכט אַ מאַציווער ניצול־געוואָרענעם[60] וואָס זאָל איר קאָנען אויפֿקלערן און זי האָט געפֿונען מיך.

39. AVADE bien sûr/of course 40. MINASTA'M probablement/probably 41. ... KHO'LEMEN je rêvais de/I dreamed of 42. KHOLEM rêve/dream 43. indépendant/independent 44. démoli/took apart 45. LEHAVDL *mutatis mutandis* 46. KHURBM Shoah 47. monuments 48. ... -KVORIM fosses communes/mass graves 49. ... DEYE j'hésite/I hesitate 50. là-bas/there 51. démolition/taking apart 52. joie/greatly excited 53. דעם ווײַבס זיידע 54. ZIKHROYNEM LIVROKHE que leur mémoire soit bénie/of blessed memory (*plur.*) 55. ROV rabbin/rabbi 56. פֿופֿציק יאָר לאַנג 57. PEYSEKh 58. était en émoi/was excited 59. BEYERUSHE en héritage/as an inheritance 60. NITSL-... survivant/survivor.

## שפּיל פֿאַר אָנהייבערס

# ווי די אויגן זעען...

קלײַבט אויס די פּאַסיקע[1] ווערטער :

ווײַס ווי ............................

שוואַרץ ווי ............................

ליכטיק ווי ............................

פֿינצטער ווי ............................

גרין ווי ............................

געל ווי ............................

קלאָר ווי ............................

בלינד ווי ............................

גלײַך ווי ............................

בלוי ווי ............................

רויט ווי ............................

גרוי ווי ............................

שיין ווי ............................

מיאוס[2] ווי ............................

דער טאָג – אין מצרים[3] –
די נאַכט – דער הימל – פּוטער –
די לבֿנה[4] – שניי – פּעך[5] –
דער טויט – אַש – אַ בוריק[6] –
אַ ווירע[7] – גראָז – וואַסער

1. adéquats/appropriate 2. MIES laid/ugly 3. MITSRAIM Egypte/Egypt 4. LEVONE lune/moon 5. goudron/tar 6. betterave/beet 7. règle (instrument)/ruler.

[ענטפֿערס זײַט 8]


# איך וויל אַבאָנירן דעם *פֿאָרווערטס*

נאָמען : ............................................

אַדרעס : ............................................................................................

................................................................................................

אַבאָנעמענט־פּרײַזן :

פֿאַראייניקטע שטאַטן[1] : איין יאָר – 36 דאָלאַר, האַלב יאָר – 21 דאָלאַר

איבער דער וועלט :

ים־פּאָסט[2] : איין יאָר – 40 דאָלאַר, האַלב יאָר - 25 דאָלאַר

לופֿטפּאָסט[3] : איין יאָר – 97 דאָלאַר

קרעדיט־קאַרטע־נומער : ......................................

אויסגאַנג[4]־דאַטע : ......................................

שיקט דאָס צעטל אויפֿן אַדרעס :

The Yiddish Forward

45 E 33rd Street, New York, NY 10016 USA

בליצפּאָסט[5]־אַדרעס : faivus@Yiddish.Forward.com

1. Etats-Unis/United States 2. YAM-... poste maritime/surface mail 3. poste aérienne/airmail 4. expiration 5. courrier électronique/e-mail.

# ווערטלעך צום גראַם[1]




אין ייִדיש זײַנען פֿאַראַן[2] אַ סך[3] אויסדרוקן[4] און שפּריכווערטער[5] וואָס גראַמען זיך. פֿאַראַיאָרן[6] איז אַרויס אין ישׂראל[7] אַ נײַ ביכל מיטן טיטל *ווערטלעך צום גראַם מיט אַ היימישן טעם*[8], וואָס איז אַן אָפּקלײַב[9] פֿון געגראַמטע שפּריכווערטער. דער צונויפֿשטעלער[10], צבֿי[11] הירש סמאָליאַקאָוו, האָט די ווערטלעך אָפּגעקליבן פֿון נחום[12] סטוטשקאָווס *דער אוצר*[13] *פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, אַ מאָנומענטאַל ווערק וואָס נעמט אַרײַן אַלע ווערטער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, אײַנגעאָרדנט לויט[14] טעמעס. צבֿי הירש סמאָליאַקאָוו האַלט אין אַרויסגעבן[15] אַ סעריע ביכלעך מיט אויסדרוקן און שפּריכווערטער פֿון דעם *אוצר*. ביז איצט זײַנען דערשינען[16], אַחוץ[17] *ווערטלעך צום גראַם*, אַ זאַמלונג[18] פֿאַרגלײַכן[19] *ווי אַ ייִד אויף אַ יריד*[20] און פֿראַזעאָלאָגישע אויסדרוקן *ניט קיין פֿויגלען, נאָר באַפֿליגלט*[21].

דאָ האָבן מיר אויסגעקליבן אַ פּאָר חנעוודיקע[22] געגראַמטע ווערטלעך.

דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.
געשמאַק[23] איז דער פֿיש אויף יענעמס[24] טיש.
אַ ביסל און אַ ביסל ווערט אַ פֿולע שיסל[25].
לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן וואָס דו קענסט הײַנט באַזאָרגן[26].
נאַרישקייט[27] און שטאָלץ[28] וואַקסן אויף איין האָלץ.
„אפֿשר“[29] און „טאָמער“[30] ברענגען קלאָג[31] און יאָמער[32].
פּאַטש[33] זיך נישט אין בײַכעלע[34], ווען ס׳פֿישעלע איז נאָך אין טײַכעלע[35].
אַז מען גיט דעם טײַוול[36] אַ האָר, וויל ער גאָר[37].
אַ שטעקן[38] האָט צוויי עקן[39].
אַ סוד[40] פֿאַר גאַנץ בראָד[41]. [= וואָס אַלע קענען עס]

1. rime/rhyme 2. זײַנען דאָ 3. … SAKh beaucoup/a lot of 4. expressions 5. proverbes/proverbs 6. l'an dernier/last year 7. YISROEL Israël 8. TAM goût, saveur/taste 9. sélection 10. éditeur/editor 11. TSVI 12. NOKhEM 13. OYTSER *ici/here* thesaurus 14. selon/according to 15. publier/to publish 16. sont parus/came out 17. AKhU'TS à part/apart from 18. recueil/collection 19. comparaisons/comparisons 20. YARID foire/fair 21. ailés/with wings 22. KhE'YNEVDIKE charmants/charming 23. bon/tasty 24. de l'autre/someone else's 25. bol/bowl 26. t'occuper/take care of 27. bêtise/foolishness 28. orgueil/pride 29. EFShER peut-être/perhaps 30. si/if 31. plainte/complaint 32. lamentation 33. tapote/pat 34. *dim. de/of* בויך ventre/belly 35. *dim. de/of* טײַך rivière/river 36. diable/devil 37. tout/everything 38. bâton/stick 39. bouts/ends 40. SOD secret 41. ville de/town of Brody.



[סוף פֿון זײַט 1]

זייער גוט צו די פֿאַנטאַסטישע „שאַגאַלישע“ חיות, קראָען[17] און פּאַוועס[18], שעפּסן און לייבן, און אַפֿילו[19] אַ הון מיט אַ באָרד... מע קען די קרייציקונגען[20] פֿון די מלחמה[21]־יאָרן, ווו אַ קריסטוס אין אַ טלית[22] ווערט אַ סימבאָל פֿונעם לײַדנדיקן ייִדישן פֿאָלק. עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס[23] אַז דאָס איז בײַ אים פֿון לאַנג אַ טעמע – זײַן ערשט קרייציקונג־בילד האָט ער געמאָלט אין 1912. אַ גאָר אינטערעסאַנטע סעריע בילדער זײַנען די דעקאָראַציעס וואָס שאַגאַל האָט געמאַכט פֿאַרן ייִדישן קונסט־טעאַטער אין מאָסקווע אין 1920 און וואָס זײַנען געלעגן באַהאַלטן ביז דעם סוף[24] פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד[25]. אויף אָט־די גרויסע לײַוונטן[26] זעט מען אַלעגאָריעס פֿון טעאַטער, מוזיק, טאַנץ און ליטעראַטור, ווי אויך פֿיגורן פֿון אַקטיאָרן, אַקראָבאַטן, און דעם מאָלער אַליין, וואָס ווערט געטראָגן אויף די הענט[27]. אויף אַ סך בילדער זעט מען העברעיִשע אותיות[28] און אַ מאָל גאַנצע זאַצן אויף ייִדיש אָדער העברעיִש.

די אויסשטעלונג, וואָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, ווערט באַגלייט פֿון אַ גאַנצער פּראָגראַם מיט רעפֿעראַטן[29], פֿילמען און דיסקוסיעס.

17. corbeaux/crows 18. paons/peacocks 19. AFILE même/even 20. crucifixions 21. MILKhOME guerre/war 22. TALES talith, châle de prière/talith, prayer shawl 23. il s'avère/it turns out ; *inf.* אַרויסווײַזן זיך 24. SOF fin/end 25. Union soviétique/Soviet Union 26. toiles/canvases 27. porté en triomphe/carried in triumph 28. OYSYES lettres (de l'alphabet)/letters (of the alphabet) ; *sing.* אות OS 29. conférences/lectures.

## שפּיל פֿאַר אָנהייבערס

[ענטפֿערס פֿון זײַט 7]

ווײַס ווי שניי / שוואַרץ ווי פּעך / ליכטיק ווי דער טאָג / פֿינצטער ווי אין מצרים / גרין ווי גראָז / געל ווי פּוטער / קלאָר ווי וואַסער / בלינד ווי די נאַכט / גלײַך ווי אַ ווירע / בלוי ווי דער הימל / רויט ווי אַ בוריק / גרוי ווי אַש / שיין ווי די לבֿנה / מיאוס ווי דער טויט

דער ייִדישער טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

*דער ייִדישער טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש־לימוד און פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט, זשיל, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

DER YIDISHER TAMTAM
Maison de la Culture Yiddish
18, passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
medem@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com